# דער רב, ר׳ יהושע׳לע

כ׳האָב זייער ליב געהאַט צו הערן מיין טאַטן דערציילן וועגן די גרויסע אידן, וואָס האָבן באַשיינט אונדזער שטאָט, ניעסוויזש, אין די פריערדיקע דורות.

אַ געוויסן טאָג האָט ער מיט מיר גערעדט וועגן די רבנים, די גאונים, וואָס זענען געזעסן אויפן רבנות־שטול ביי אונדז אין ניעסוויזש.

זאָגט צו מיר דער טאַטע: הער זיך צו, מיין זון, וועל איך דיר דערציילן וועגן ר׳ יהושע׳לען, איינער פון אמת גרויסע רבנים פון אונדזער שטאָט, וואָס כ׳האָב זוכה געווען אַליין צו קענען און צו לערנען זיינע וועגן און זיינע אויפפירונגען מיט גאָט און מיט מענטשן.

— דער רב, ר׳ יהוש׳לע, דער זון פון גרויסן גאון, ר׳ אליהו ראגאָלער, האָט מען צוגענומען צו אונדז, אין ניעסוויזש, פון דער נאָענטער שטעטל, קלעצק, וואו ער איז געווען רב צוואַנציק יאָר. אין ניעסוויזש איז ער געזעסן על כסא הרבנות ביז ער איז נפטר געוואָרן, און געפונען זיין אייביקע רו אויפן אַלטן בית־עולם.

דעם נוסח אויף ר׳ יהושע׳לעס מצבה האָט פאַרפאַסט דער גרוי־סער העברעאישער דיכטער, יהודה לייב גאָרדאָן. באַשטעלט ביי אים דעם נוסח האָט ר׳ יהושע׳לעס איידים, דער באַוואוסטער גביר און משכיל, חישין. אויף ר׳ יהושע׳לעס קבר שטייט — ווי דו ווייסט — דער גרויסער אוהל, וואוהין די אידן פון ניעסוויזש קומען אָפט מתפלל־זיין.

דער רב, ר׳ יהושע׳לע, וואָס פון גרויס ליבשאַפט צו אים האָט מען פאַרצויגן זיין נאָמען און גערופן ר׳ יהושע׳לע, האָט זיך אויסגע־

צייכנט ניט נאָר אין תורה און חכמה, נאָר איז אויך געווען באַוואוסט מיט זיין גוט האַרץ און לויטערע מדות. אויסער דעם איז ער געווען געבענטשט מיט אַ הדרת־פנים. מ׳האָט אויף אים געזאָגט, אַז זיין געשטאַלט איז „כתואר פני המלך״ (ווי אַ קעניגלעכע געשטאַלט). ווען ער פלעגט גיין אין גאַס, אָנגעטאָן אין רבנישן טראַכט, האָבן זיך שררות אָפּגעשטעלט אָנצוקוקן אים, און באַוואונדערט זיין ליכ־טיקן פנים, וואס איז געווען באַצירט מיט זיין שיינער, ווייסער באָרד און געקרייזלטע פאות.

ר׳ יהושע׳לע איז געווען אַ גרויסער עובד ה׳. דאָס האָט מען איבערהויפּט אַרויסגעזען אין זיין דאַווענען. ער האָט גאָט געדינט מיט אַלע חושים זיינע, ביז כלות הנפש. בעת׳ן דאַווענען האָט דער פנים זיינער ממש געשטראַלט. אין קריאת־שמע און שמונה־עשרה האָט ער שטענדיק מאַריך געווען. די מתפללים אין אַלטן בית־מדרש וואָס פלעגן ענדיקן די תפילות פריער, האָבן זיך איינגעהערט מיט אַ הייליקן ציטער צו די פסוקים און ברכות, וואָס ער האָט אַרויסגע־ברענגט פון זיין מויל מיט אַ דייטלעכער אויסשפּראַך, מיט זיין זיסן קול, מיט זיין באַזונדער־האַרציקן ניגון און אָפּזעץ. ער האָט דאַווע־נענדיק מקיים־געווען „עבדו את ה׳ בשמחה״ (דינט גאָט מיט שמחה) און „גילו ברעדה״ (פרייט זיך מיט ציטער).

ר׳ יהושע׳לע האָט אָפּט דערגרייכט אין זיין עבודה ביז התפשטות הגשמיות.

דער טאַטע האָט מיר ווייטער דערציילט: — אין מיין זכרון איז פאַרבליבן איינגעקריצט אַ געשעעניש, וואָס האָט אין איר צייט געמאַכט אַ גרויסן רושם.

עס איז געווען אין אַ שבת, בעת מ׳האָט געזאָגט „א־ל אָדון״, די תפילה, וואָס דער חזן זאָגט איבער נאָכן עולם פסוק נאָך פסוק,

ווען דער עולם מתפללים האָט אָפּגעזאָגט דעם פסוק „פאר וכבוד״, האָט דער חזן אָפּגעוואַרט צו הערן ווי ר׳ יהושע׳לע לאָזט אויס דעם פסוק, כדי ער זאָל נאָכדעם עס אויך איבערזאָגן. אָבער דאָסמאָל, ווען ר׳ יהושע׳לע איז צוגעקומען צו די ווערטער: „ראה והתקין צורת הלבנה״, איז ער שטיל געוואָרן, און האָט זיך אַ לאַנגע ווײַלע פאַרזאָמט. ווען ער האָט זיי ענדלעך אַרויסגעזאָגט, איז זײַן קול געווען אָנגעזאָפּט מיט טרויער.

דאָס האָט געמאַכט אויפציטערן די הערצער פון די מתפללים און האָט איבערגעלאָזט אויף זיי אַ שווערן רושם. זיי האָבן אָבער צוליב יראת הכבוד גאָרניט געפרעגט וועגן דעם ביים רב נאָכן דאַווענען. ר׳ יהושע׳לע אַליין האָט אויך אַ גאַנצן שבת גאָרניט דערמאָנט וועגן דעם ענין.

ביים דאַווענען מעריב יענעם מוצאי־שבת האָט ר׳ יהושע׳לע זייער מאַריך געווען ביי זאָגן „השכיבנו״ און אין שמונה־עשרה. ווען ער האָט פאַרענדיקט „עושה שלום״ האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט, און ביטערע זיפצן האָבן זיך ביי אים געטראָגן פון האַרצן.

נאָכן דאַווענען האָט ר׳ יהושע׳לע זיך געווענדעט צו זיינע מקורבים און צו זיי געזאָגט מיט אַ געבראָכענעם געמיט: „טייערע ברידער, מיר דאַרפן האָבן גרויס רחמים! כ׳האָב מורא, מיינע ליבע אידן, אַז אַ שווערע פורעניות קומט אויף אונדז, רחמנא ליצלן; אַז אונדזער שטאָט איז פאַרמשפט צו פייער. היינט ביים זאָגן „פאר וכבוד״ אין דער תפילה „א־ל אָדון״, האָבן פאַר מיין געזיכט אַרומ־געשוועבט די פיר ראשי־תיבות פון די ווערטער: ר׳אה ו׳התקין צ׳ורת ה׳לבנה, וואָס זיי זענען בגימטריא „אש״ (פייער), און ווי אַ רויטער פייערדיקער אויפשריפט זענען זיי פאַר מיינע אויגן גע־שטאַנען אַ לאַנגע צייט״.

ר׳ יהושע׳לעס אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן און זיין ליכטיקער פנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ וואָלקן פון אומעט.

אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט אַלע צוהערער. זיי האָבן געוואוסט ווי שטאַרק באַליבט איז די עדה אידן פון ניעסוויזש ביי ר׳ יהושע׳־לען. זיי האָבן געקענט זיין צדקות און חסידות, און געוואוסט אַז פאַר אים זענען אָפן די טויערן פון הימל, און פאַרשטאַנען פון זיינע ווערטער, אַז דאָס מאָל איז „כלו כל הקצין" און מ׳קען די גזרה ניט אָפּשרייען.

יענעם שבת־צו־נאַכט האָט עס טאַקע אויסגעבראָכן אין ניעסוויזש די גרויסע שרפה, און דאָס רוב הייזער פון שטאָט זענען אַוועק מיטן פייער.